בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת וארא תשפ"ה | גליון 778 [שנה י"ז]

### א שיינע טייטש אויף וארא אל האבות

וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב: (ו ג) זאגט רש"י וָאֵרָא אֶל הָאָבוֹת, פרעגן אלע וואס איז רש"י מוסיף אויפן פסוק וואס רעכנט אויס די אבות הק'? נאר מען קען זאגן אז רש"י איז מרמז דאס וואס דער בעל הטורים שרייבט אז דער ווארט וָאֵרָא. מיינט ו' אֵרָא, ווייל עס שטייט 6 מאל אין די תורה הק' דער ווארט וַיֵּרָא ביי אבות 3 ביי אברהם 2 ביי יצחק און 1 ביי יעקב ע"כ, דאס מיינט רש"י ו' אֵרָא שטייט אין די תורה, אֶל, הָאָבוֹת ביי די אָבוֹת. (לקוטי חיים ווייץ תלמיד מנחת חינוך)

### פשט אין רש"י ברכוש גדול

לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי ה' וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם: (ו ה-ז) זאגט רש"י וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם, ווייל איך האב זיי צוגעזאגט: "וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל" (בראשית טו יד), פרעגט דער הייליגער ייטב לב זיע"א פארוואס דארף רש"י אויספירן די ווערטער בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל, ווען דער עיקר ראי' אז וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם, איז ווייל עס שטייט וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ? נאר עס איז באוואוסט וואס דער ספר פרדס דוד פרעגט ווי אזוי האט דער אויבערשטער געקענט שטראפן די מצריים מיט מיתה און אויך צונעמען זייערע געלט ווען מיר האבן דער כלל אין גמ' אין אדם מת ומשלם ווייל קם ליה בדרבא מיני', מען גיט דעם הארבער עונש פון מיתה און דאס פטר'ט די עונש פון ממון, און תוס' (ער"ז דף ע"א) שרייבט אז דער דין איז אויך ביי א גוי? נאר מיר האלטן ווי די רבנן אז ביי מיתה בידי שמים איז דער דין מיתה ומשלם עכ"ד פרדס דוד, לפי"ז קען מען זאגן פשט אין רש"י, אז רש"י איז געוועזן שווער די קשיא פון פרדס דוד, און ענטפערט אז עס שטייט אין פסוק לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל "אֲנִי ה' וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם" דאס מיינט אז דער אויבערשטער וועט ארויסנעמען די אידן און ער וועט הרגענען די מצריים, ממילא וועט דאס זיין מיתה בידי שמים, דעריבער קען שוין אויך זיין "וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל", און דאס שטייט אין ספר כתב סופר פ' בא אויפן פסוק דבר נא באזני העם, פון דרשת חת"ם סופר צו פארענטפערן פארוואס שטייט ה' ילחם לכם, און זאגט כדי עס זאל זיין מיתה בידי שמים וועלן די אידן קענען נעמען די געלט פון מצרים אויך עיי"ש. (אמרי יצחק ר' יצחק מאיר שווארץ נכד הקול אריה)

### א חידוש אין די לשונות פון די ערשטע דריי מכות

הִנֵּה אָנֹכִי מַכֶּה בַּמַּטֶּה אֲשֶׁר בְּיָדִי עַל הַמַּיִם אֲשֶׁר בַּיְאֹר וְנֶהֶפְכוּ לְדָם: (ז' יז') עס איז א אינטערעסאנטע באמערקונג אין די פרשה וואס ביי די מכות דם צפרדע כנים שטייט נאכדעם "וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה':" און ביי די לעצטע מכות שטייט נישט וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם, נאר עס שטייט די לשונות וְלֹא שִׁלַּח אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: וַיַּכְבֵּד לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שִׁלַּח אֶת הָעָם, וְלֹא שִׁלַּח אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה' בְּיַד מֹשֶׁה! נאר פרעה האט געהאלטן אין אנפאנג אז משה ואהרן זענען נישט שלוחים פון אויבערשטן, ווייל ער האט געהאלטן אז זיי מאכן אלעס מיט כישוף, אבער נאך די ערשטע דריי מכות וואס שטייט: וַיֹּאמְרוּ הַחַרְטֻמִּם אֶל פַּרְעֹה אֶצְבַּע אֱלֹקִים הִוא, האט פרעה געזען אז עס איז נישט כישוף, נאר זיי זענען שלוחי ה', האט ער זיך שוין געמוזט אז שָׁמַע אֲלֵהֶם צו הערן צו משה ואהרן, דעריבער שטייט נאר וַיַּכְבֵּד לֵב פַּרְעֹה און דעריבער וְלֹא שִׁלַּח אֶת־הָעָם. (דברי שאול מהדורא רביעאה)

### תכלית פון די מכות אז עס איז דא א מנהיג בעליונים ובתחתונים

הִנֵּה אָנֹכִי מַכֶּה בַּמַּטֶּה אֲשֶׁר בְּיָדִי עַל הַמַּיִם אֲשֶׁר בַּיְאֹר וְנֶהֶפְכוּ לְדָם: (ז יז) עס איז דא א דיוק פארוואס איז די אריכות ווען עס וואלט געקענט נאר שטיין בְּזֹאת תֵּדַע כִּי אֲנִי ה' כִּי הַמַּיִם אֲשֶׁר בַּיְאֹר וְנֶהֶפְכוּ לְדָם? נאר די מצריים האבן נישט געגלויבט אז דער אויבערשטער איז די מנהיג פון די וועלט אבער דורך די אותות ומופתים וואס דער אויבערשטער האט געטאן פאר די אידן האבן די מצריים געזען אז דער אויבערשטער איז א מושל בעליונים ובתחתונים, דעריבער שטייט הִנֵּה אָנֹכִי "מַכֶּה" בַּמַּטֶּה, וואס "מַכֶּה" איז די ר"ת "מנהיג כל העולם" אז דורך אלע מכות וועלן די מצריים באקומען אמונה בה', און דאס זאגט מען פאר הנחת תפילין וְשֶׁנִּזְכֹּר נִסִּים וְנִפְלָאוֹת שֶׁעָשָׂה עִמָּנוּ בְּהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרָיִם, וַאֲשֶׁר לוֹ הַכֹּחַ וְהַמֶּמְשָׁלָה בָּעֶלְיוֹנִים וּבַתַּחְתּוֹנִים לַעֲשׂוֹת בָּהֶם כִּרְצוֹנוֹ. וואס איז געוועזן די תכלית פון נִסִּים וְנִפְלָאוֹת שֶׁעָשָׂה עִמָּנוּ בְּהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרָיִם, אז וַאֲשֶׁר לוֹ הַכֹּחַ וְהַמֶּמְשָׁלָה בָּעֶלְיוֹנִים וּבַתַּחְתּוֹנִים, השי"ת איז דער מנהיג פון אלע עולמות. (דגל מנשה הגאון ר' מנשה ליבערמאן לונדון תש"ד)

### שטייט צפרדע און שטייט צפרדעים!

וַתַּעַל הַצְּפַרְדֵּעַ: (ח' ג') פרעגט רש"י פארוואס שטייט הַצְּפַרְדֵּעַ לשון יחיד און אין פסוק ג' שטייט הַצְּפַרְדְּעִים לשון רבים? ענטפערט רש"י אין אנפאנג איז געוועזן איין צְפַרְדֵּעַ און די מצריים האבן דאס געשלאגן איז געווארן אסאך, זאגט דער הייליגער סטייפלער גאון זצ"ל אז מען האט אסאך געשלאגן ביז עס איז געווארן פארפלייצט איבער דעם לאנד, דאס קומט אונז צו לערנען א מוסר השכל: די מצריים האבן געשלאגן די צְפַרְדֵּעַ פון כעס און ווייטער געשלאגן מיט כעס איז געווארן צְפַרְדְּעִים אבער ווען זיי וואלטן זיך איינגעהאלטן פון כעס וואלט דאס געבליבן נאר איין גרויסע צְפַרְדֵּעַ, דאס זעלבע איז ווען צוויי מענטשן האבן א ויכוח און אויב מען שלאגט און שלאגט וועט די מחלוקות ווערן א פייער און מען וועט דאס נישט קענען אויסלעשן אבער אויב מען איז א חכם און סייג לחכמה איז שתיקה, וועט די מחלוקת שנעל זיך אויסקילן. (אוצר אפרים – שטיין)

### וואס איז דער ענין פון בְּמִקְנְךָ אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה?

הִנֵּה יַד ה' הוֹיָה בְּמִקְנְךָ אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה: (ט' ג') דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט אין פסוק בְּמִקְנְךָ אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה אז דער אויבערשטער האט געשטראפט די מקנה פון פעלד ווען עס שטייט וַיָּמָת כֹּל מִקְנֵה מִצְרָיִם איז משמע אז די מקנה מצרים זענען געשטארבן וואו זיי זענען געוועזן? נאר עס שטייט אין גמ' (ב"מ ל"ו) אביי האלט אז א שומר וואס גיט איבער צו א אנדער שומר צו היטן איז ער חייב. זאגט תוס' די טעם ווייל דער מפקיד קען טענה'ן אז דער שומר איז א פושע ווייל די הבל און לופט פון יענע שומר'ס הויז האט מזיק געוועזן, ממילא כל זמן די מקנה פון מצרים זענען געשטארבן אין די הייזער, האבן די מצריים זיך פארענטפערט אז זייערע הייזער האבן געהאט עפעס אין די לופט וואס האט גורם געווען מיתה, און ביי די הייזער פון די אידן איז דאס נישט געוועזן, אבער יעצט אז בְּמִקְנְךָ אֲשֶׁר "בַּשָּׂדֶה" וואס די לופט איז גלייך פארן איד און מצרי, און פונדעסטוועגן האבן נאר די מקנה מצרים געשטארבן און נישט מקנה פון די אידן, האבן זיי איינגעזען אז עס איז א מכה פון הימל. (כלי חמדה סטאניסלאוו בעל בר ליוואי)

*מדור העובדות*

## *****געפאלגט זיין רבי ר' שמעלקא און זוכה געווען צו עשירות און קינדער גאוני הדור*****

הגאון הגדול רבי משולם זלמן אשכנזי איז געבוירן געווארן י"ז אייר תקל"ב צו זיין טאטע הגאון ר' משולם זלמן- א ברודער פון הגאון ר' מרדכי זאב אורנשטיין- וואס איז נפטר געווארן יונג און זיין זון הייסט נאך אים, זיין מאמע האט חתונה געהאט מיט הרה"ק ר' מאיר מרגליות אב"ד אוסטראה, דער בעל מאיר נתיבים, א תלמיד פון הייליגן בעש"ט, ר' משולם זלמן איז געווען א עילוי, מען האט אים גערופן דער עילוי פון אוסטראה, און געווען זייער נאנט צו זיין שטיף טאטע. און ער האט געלערנט ביים קצות החושן. ער האט חתונה געהאט מיט מרת גינענדל, די טאכטער פון הנגיד המפורסם ר' יוסף יוזפא, ר' משולם זלמן האט דערציילט ווי אזוי זיין שווער האט זוכה געווען זיך משדך זיין מיט אים:

ר' מענדל איז געווען דער פרנס און מנהיג פון שטאט אפטא, ער האט געהאט אסאך מילאכלאך, רחיים'ס, ער האט געהאט א זון ר' יוסף יוזפא וואס איז געווען א למדן און א עילוי, און ר' הירש א גביר, וואס האט געוואינט אין רוטשעוויל, האט אים גענומען פאר א איידעם און צוגעזאגט אים אויסהאלטן, און האט אים געגעבן דריי הונדרעד רענדלאך אויף נדן, נאך זיין חתונה איז ר' יוזפא געגאנגען לערנען ביי הרה"ק ר' שמעלקא מניקלשבורג צוזאמען מיט דער הייליגער קאזניצער מגיד, און פרנסה האט אים נישט געפעלט פון זיין שווער ר' הירש.

ויהי היום האט ר' הירש פארלוירן זיין פארמעגן און האט מודיע געווען זיין איידעם אז ער קען אים שוין נישט אויסהאלטן, און ר' יוזפא האט דאס דערציילט פאר זיין רבי ר' שמעלקא, וואס האט אים מציע געווען אז היות אז עס איז דא צו פארקויפן א גרויסע וואלד לעבן רוטשעוויל, דעריבער וויל ער ווערן א שותף מיט ר' יוזפא און ביידע וועלן אריינלייגן 300 רענדלאך און אפקויפן די וואלד בשותפות, און ער האט מסכים געווען און מען האט דאס געקויפט, ר' יוזפא איז געווען א עילוי איז אים איינגעפאלן שיקן די האלץ קיין דאנציג דורך די ים און דארטן איז האלץ געווען זייער טייער, ביידע האבן געארבעט צוזאמען און געשיקט די סחורה קיין דאנציג און ביידע שותפים זענען געפארן קיין דאנציג און שנעל פארקויפט די האלץ און יעדער האט פארדינט 1200 רענדלאך.

ר' שמעלקא איז געווען צופרידן און געזאגט ר' יוזפא ער פארט צוריק צו זיין לערנען, ווייל מיט די געלט וועט ער קענען לעבן א שיינע פאר יאר, און ר' יוזפא זאל ווייטער ממשיך זיין אין מסחר און טאקע ר' יוזפא איז געווארן א גרויסע עושר, און ר' שמעלקא האט אים געהייסן גיין אין שטאט יוזעפאף און דארטן האט ער געגעבן פרנסה דורך זיינע געשעפטן פאר 500 משפחות וואס האבן געארבעט ביי אים, דעמאלט איז ר' שמעלקא נאך געווען רב אין רוטשעוויל, אבער ער האט ליידער געהאט שטארקע רדיפות דארט און געמוזט אוועקפארן פון דארט און ער האט געהאט חלישות הדעת פון דעם און דער אויבערשטער האט מעניש געווען די שטאט ווען די טייך האט פארפלייצט די שטאט און געליטן שטארקע שאדנס, ר' שמעלקא איז צום סוף געווארן רב אין ניקלשבורג.

ר' יוזפא איז נאך אלץ געקומען לערנען מיט ר' שמעלקא און איין טאג זאגט ר' שמעלקא צו ר' יוזפא ער האלט ער זאל זיך אריבער ציהען קיין קוזמיר ווייל דארטן וועט ער קענען האדעווען די קינדער על דרך התורה והיראה, און ר' יוזפא האט דאס גוט פארשטאנען און פארקויפט אלע זיינע הייזער אין ווארשא כדי זיינע קינדער זאלן נישט זיין אין ווארשא וואס איז געווען א מאדערנע שטאט, אין קוזמיר האבן זיינע קינדער געשטיגן אין יראת שמים און תורה, און זיין טאכטער גינענדל איז געווען ממש א צדיקת, און איר נאמען איז געווארן מפורסם און מען האט גערעדט פאר איר ר' משולם זלמן דער עילוי פון אוסטראה, דאס האט דערציילט ר' משולם זלמן אליין. אלעס אין זכות וואס ר' יוזפא האט געפאלגט זיין רבי ר' שמעלקא זיע"א.

נאך די חתונה איז ר' משולם זלמן געגאנגען קיין קוזמיר ביי זיין שווער ר' יוזפא און דעמאלט האט מען געזוכט א רב אין קוזמיר און מען האט אויפגענומען ר' משולם זלמן אלץ רב, אבער ער האט נישט געוואלט נעמען געלט פאר זיין רבנות און האט גערעדט מיט זיין שווער אז ער זאל אים העלפן מאכן געשעפטן מיט האלץ און ער האט מצליח געווען און אזוי האט ר' משולם זלמן געקענט לערנען רויהיג און האט אויך באצאלט פון זיין טאש די געהאלט פון נאך א יונגער רב און א מגיד ווייל די קהילה פון קוזמיר איז געווען א ארימע קהילה, און האט זוכה געווען צו תורה וגדולה במקום אחד, ר' משולם זלמן איז געווארן פון די נאנטע חסידים פון הייליגן קאזניצער מגיד, דארטן אין קאזניץ איז ער נתעלה געווארן און פלעגט אויפשטיין יעדע נאכט ביי חצות און געגאנגען אין מקוה, און געפאסט שני וחמישי, ער איז געווען א גרויסער מכנים אורח און זיין חביבות צו א בן תורה איז געווען גרוים, ער פלעגט זיך אויפשטעלן פאר זיי און געזאגט מורי ורבי, שפעטער איז ער געווארן אב"ד אין לובלין שנת תקפ"ו, אויפן פלאץ פון הגאון רבי יהושע העשל באב"ד, וואו ער איז מפורסם געווארן פאר א גאון וגדול בתורה, ער האט געגעבן א הסכמה אויף די ספרים פון הייליגן חוזה מלובלין. ער איז נפטר געווארן ל' ניסן תר"ג, אויף זיין מציבה שטייט פ"נ האי סבא קדישא חסידא ופרישא, כבוד מרנא ורבנא הרב רבינו משולם זלמן ז"ל בן הרב משולם אשכנזי ז"ל זי"ע, וכו' הי חסיד ועניו זקן ויושב בתענית, עטרת היחוס נכד להאי מאה"ג החסיד וקדוש חכם צבי זלה"ה זי"ע, תנצב"ה.

ר' יוזפא האט געהאט א זון ר' צבי הירש, און הגאון ר' משולם איגרא האט אים געוואלט פאר א איידעם און האט געגעבן זיין גרעאטענע טאכטער שרה פאר אים, און ר' צבי הירש איז נתעלה געווארן דארט אין שטוב, נאך די חתונה פון זיין זון ר' צבי הירש האט אים דער קאזניצער מגיד גערעטן, אז דו האסט יעצט א זון און איידעם גדולים בתורה, מיין איך אז דו זאלסט אפלאזן דיין מסחר און זעץ זיך לערנען, האט ר' יוזפא געענטפערט אז די גמ' ברכות דף ג ע"ב זאגט אז דוד המלך האט געזאגט פארן אויבערשטן "עמך ישראל צריכין פרנסה", אידן דארפן פרנסה, און איך גיב פרנסה פאר טויזנטער משפחות, ממילא האלט איך אז איך זאל בלייבן ווייטער אין מסחר און געבן אידן פרנסה, האט דער קאזניצער מגיד אים געגעבן גערעכט און אים אנגעוואונטשן. (די מעשה איז געשריבן אין ספר כבוד הבית א חלק פון שו"ת בית משולם פיעטריקוב תרס"ה)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

גמ' פסחים חגיגה זיטאמיר $900 גמ' יבמות סוטה זיטאמיר $750 ספר תולדות מגן שאול ליטשיק $100 החת"ם סופר ותלמידיו $400, פנקס המוהל שלו $400 ספר דרכי האמונה יאם ידוע לשמירה דפו"ר נדיר $800 יו"ד דפוס ר' משה קטן סלאוויטא מצב בינוני אבל שלם $3400 משניות זרעים סלאוויטא $3000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 תהלים זיטאמיר מהסידור $7000 תהלים בן ביתי דפו"ר מצב יפה $2600 ספר עם חתימות הגאון ר' אברהם יצחק וויינבערגער אב"ד קו"ו $800 מכתב מישיבת קאמינעץ הגאון ר' ראובן גרוזובסקי והגאון ר' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט $400, ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר התמונות של וועד ההצלה $1000 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 ספר קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, מדרש רבה שנתן הרה"ק בעל אור מלא מקאסאן לחתן $2000 גמ' סנהדרין זיטאמיר מצב מצויין $500 ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם הקדשות אדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $5000 מיר האבן א רשימה פון אונזערע ספרים

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website www.seforimworld.com

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש אויך אלטע געלט